NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01399

BUSTENOY

S. Bastomski

Permanent preservation of this book was made possible
by Dan Eisenstein
in memory of
Asher & Ida Eisenstein, lovers of Yiddish books

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקס־שול"

בּוסתּנאָי

א פאָלקס־מעשהלע

פון דער סעריע „מעשיות און לעגענדעס גע־
זאַמלט פון אַלטע ספרים".

פון ש. [illegible] מסקי

ווילנע, 1923.
דרוקעריי ש. פ. גאַרבער, זאַוואַלנע 25.

דער פֿאַרלאַג „די נײַע ייִדישע פֿאָלקסשול" האָט שוין אַרויסגעגעבן פֿאָלגנדיקע ביכער:

א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אַריטמעטישער רעכנבוך (פֿאַרן 1-טן לערנייאָר) באַאַרבעט לויט שמעקלין און אַנדערע (2 אויפֿלאַגעס) פֿון ש. באַסטאָמסקי.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באַאַרבעט לויט שמעקלין און אַנדערע פֿון ש. באַסטאָמסקי.
3. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט) (3 אויפֿלאַגעס) פֿון ש. באַסטאַמסקי.
4. אַריטמעטישער רעכנבוך (פֿלערליי צאָלן). (4 אויפֿלאַגעס) פֿון ש. באַסטאַמסקי.
5. אַריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן) (4 אויפֿלאַגעס) פֿון ש. באַסטאַמסקי און ל. הורוויץ. מיט אַ ביילאַגע פֿון דער טערמינאָלאָגיע פֿון אַריטמעטיק אויסגעאַרבעט פֿון אַ קאָמיסיע בײַ דער ווילנער ייִדישער לערער-געזעלשאַפֿט.
6. ש. באַסטאָמסקי און מ. הײַמסאָן—„לעבעדיקע קלאַנגען" אַ ייִד-אילוסטרירטער א"ב
7. „לעבעדיקע קלאַנגען". כרעסטאָמאַטיע פֿאַרן ערשטן לערנייאָר

די „לעבעדיקע קלאַנגען" זײַנען באַשטעטיקט פֿון אַ קאָמיסיע לערער בײַם ווילנער צ. ב. ק.

—„לעבעדיקע קלאַנגען"—

כרעסטאָמאַטיע פֿאַרן 2-טן לערנייאָר.

פֿון ש. באַסטאָמסקי און מ. הײַמסאָן.

„דער נײַער לערער"—זאַמלונג פֿון שפּילעלעכע איבונגען ווי אַזוי אויסצולייגן די געדאַנקען.

אַריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פּראָצענטן, דיסקאָנט, דעצימאַלן א. א.)

מעטאָדישע אָנווײַזונגען צו „די לעבעדיקע קלאַנגען" מיט אַ פּרוּוו-פּראָגראַם פֿון ייִדיש פֿאַר דעם 1-טן לערנייאָר.

פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקס־שול״

בוסתנאָי

א פאָלקס־מעשהלע

פון דער סעריע „מעשיות און לעגענדעס גע־
זאַמעלט פון אַלטע ספרים״.

פון ש. באסטאָמסקי

ווילנ 19.

דרוקעריי ש. פּ. גאַרבער, זאַוואַלנע 25.

„Bustnoi“ bajka Narodowa

S. Bastomskiego

Wilno, Druk. F. Garbera, Zawalna ul 25.
1923

אין די פאַרצײַטיקע יאָרן, ווען די מלכי פרס האָבן רעגירט אויף דער גאַנצער וועלט, איז אויפגעשטאַנען אַ מלך, וואָס איז געווען אַ חכר־דעה.

האָט דערדאָזיקער מלך איינמאָל גוזר געווען אויף זיינע קנעכט, זיי זאָלן טויטן אַלע יידן, וואָס קומען אַרויס פון זרע המלוכה.

האָבן דעם מלכס קנעכט אויפגעזוכט אַלע יידן, וואָס קומען אַרויס פון דוד המלך ע"ה, און האָבן זיי געטויט מיט גרויסע שרעקלעכע רציחות: די חתנים האָט מען אונטער דער חופה די קעפּ אָפּגעשניטן, די כלות האָט מען געפּייניקט אָן אַ שיעור, די שוואַנגערע פרויען — די בייכער געשניטן, די קרובים פון די געהרגעטע האָט מען אין תפיסה געזעצט, אין קייטן פאַרשלאָסן.

הימל און ערד האָבן געקלאָגט אויף די רציחות, וואָס מע האָט יידן געטאָן.

מיט גאָטס רחמנות אויף זרע בית דוד איז פון די בני־המלוכה געבליבן נאָר איין פרוי אַ מעוברת, וואָס איר מאַן איז געטויט געוואָרן דורך דער ביטערער גזירה.

~~~~~~~~~~~~

איינמאָל האָט זיך דעם בייזן מלך געחלומט, אַז ער שטייט אין אַ טייערן ווייגאָרטן. אין דעם גאָרטן זיינען געווען פאַרפלאַנצט די שענסטע ביימער, מיט די טייערסטע פּירות.

דער קעניג האָט געוווסט, אַז דער גאָרטן איז ניט זיינער, אַז ער האָט ניט קיין רשות צו געוועלטיקן אויף אים. איז ער דעריבער זייער צאָרנדיק געוואָרן און האָט מיט גרויס כעס פאַרדאָרבן אַלע ביימער און אַלע טייערע פּרוכטן. דער ביי־
~~~~~~~~~~~~

דער מלך האָט געוואָלט אויסראַטן אַפילו דעם איינציקן לעצטן וואָרצל, וואָס פון אים וועט נאָך קענען וואַקסן אַ בוים.

און ס'איז געווען, ווען דער קיניג האָט אויפגעהויבן זיין שווערד אויסצורייסן דעם לעצטן וואָרצל פון דעם שיי־נעם גאָרטן, האָט ער דערזען ווי עס שטייט אַנטקעגן אים אַן אַלטער מאַן, וואָס איז שיין ווי די זון. דער אַלטער האָט מיט אַ ביטער'ען קול אָנגעהויבן צו שרייען אויף דעם קיניג. דערנאָך האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד, און אַריינגע־שטעקט דעם קיניג אין קאָפּ אַריין, דאָס בלוט האָט גענומען רינען אויף דעם קיניגס פנים, ווי אַ טייך וואַסער. דער אַל־טער האָט געוואָלט אים אינגאַנצן דערשטעכן, נאָר דער קיניג איז געפאַלן פאַר זיינע פיס מיט גרויס געוויין און האָט אָנ־געהויבן צו בעטן: „מיין האַר... מיין האַר! ... וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטאָן, וואָס דו ווילסט מיר מיין לעבן נעמען, האָב רחמנות אויף מיר!"

דאַן האָט דער אַלטער געענטפערט: — עס איז דיר נאָך ווייניק געווען, וואָס דו ביסט געקומען אין מיין טייערן ווייַנגאָרטן, האָסט אויסגעריסן אַלע צווייגן און אַלע טייערע פירות, ביסטו נאָך געקומען זוכן אויסצו־רייסן דעם לעצטן וואָרצל!... מיין האַרץ ווייגט און קלאָגט אויף מיין ליבן ווייַנגאָרטן, וואָס איך האָב אים מיט גרויס מי פאַרפלאַנצט... פיל יאָרן האָב איך אויף אים פאַרוואַכט, ער זאָל זיין שיין און גוט, ביסטו געקומען אים צו שאָנד מאַכן!.. און דו פרעגסט מיך נאָך פאַרוואָס איך וויל דיך טויטן! עס איז נאָך ווייניק! מע דאַרף דיין גאַנצע משפחה אויסטויטן.

ווי דער קיניג האָט דערהערט דעם ביטערן ענטפער, האָט ער זייער שטאַרק געוויינט.

„איך בעט דיך, מיין האַר, איך בין מודה, אַז איך האָב מיך שטאַרק באַנאַרעשט, איך האָב אויף די גרויסע זינד שטאַרק חרטה. איצט בעט איך דיך, זאָלסט אויף מיר רחמנות האָבן, דו זאָלסט מיך ניט טויטן. מיט מיינע אַלע קרעפטן וועל איך זען דעם גאָרטן צו פאַרפלאַנצן, בייטאָג און ביי־נאַכט וועל איך אים היטן, עס זאָל אים קיין שלעכטס ניט געשען.. איך בעט דיך, זיי מיר איצט מוחל אויף מיין גרויסע זינד...

דער קיניג האָט זיך מיט גרויס שרעק אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זיין האַרץ אין אים האָט געציטערט.

ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט ער געשיקט רופן זיינע חכמים, און האָט זיי מיט גרויס פחד דערציילט זיין ביטערן חלום. די חכמים זיינען געוואָרן דערציטערט, זיי האָבן ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. נאָר איינער פון זיינע קנעכט האָט געזאָגט:—„אדוני מלך, דו ווייסט דאָך, אַז ביי יידן איז דאָ גרויסע חכמים, וואָס פאַרצייטן האָבן אונדזערע מלכים גענומען פון זיי פותר צו זייערע חלומות. און דו האָסט אויף זיי קיין רחמנות ניט, און דו ווילסט זיי אַלע אומברענגען... די אַלע חכמים זיינען אין תפיסה, געשלאָסן אין אייזערנע קייטן. גיב איך מיין עצה, דער קיניג זאָל הייסן רופן א זקן פון די, וואָס זיצן אין תפיסה, און ער וועט געוויס פותר זיין דעם ביטערן חלום.

דעם קעניג איז די עצה געפעלן, ער האָט באַלד גע־הייסן ברענגען איין זקן פון די, וואָס זיצן אין תפיסה״.

דעם קיניגס קנעכט איז באַלד געלאָפן אין תפיסה אַריין און האָט איבערגעגעבן דעם קיניגס באַפעל. האָט זיך איין זקן אָנגערופן: „איך בין גרייט צו גיין פותר זיין דעם געטלעכן חלום, וואָס האָט זיך דעם קיניג געחלומט״.

אַלע זקנים האָבן צו אים געזאָגט: וואָס האָסטו צו ריידן, איידער דו הערסט דעם חלום.

— ליבע ברידער, האָט זיי דער זקן געענטפערט, — דעם זעלבן חלום, וואָס דעם קיניג האָט זיך געחלומט, האָב איך אויך געזען, דער קיניג האָט נאָר געזען דעם חלום און איך האָב אויך דעם פתרון געזען.

די זקנים האָבן אים געבענטשט, ער זאָל געפינען חן ביי דעם מלך.

דער קנעכט האָט אים געהייסן, ער זאָל זיך אָפּוואַשן און אָנטאָן שיינע קליידער. און אַז ער האָט זיך אָפּגעוואַשן און זיך אָנגעטאָן אין שיינע קליידער, האָט אים דער קנעכט אַריינגעפירט אין קיניגס פּאַלאַץ און פאָרגעשטעלט פאַר דעם קיניג.

און דער קיניג האָט צו אים געזאָגט: „די נאַכט האָב איך געזען אַ חלום, און מיינע חכמים ווייסן ניט, וואָס דער פּתרון באַטייט, אפשר ווייסטו אים פּותר צו זיין?"

און דער זקן האָט געענטפערט: „די פּתרונים זיינען ביי גאָט אין די הענט, און ער האָט זיי מיר איבערגעגעבן. איך קען דיר דערציילן דעם חלום מיט דעם פּתרון".

ווי דער מלך האָט דאָס דערהערט, איז ער דערשראָקן געוואָרן און האָט אים געהייסן דעם חלום דערציילן.

דער זקן האָט אים אינגאַנצן דעם חלום דערציילט און גאָר ניט געפעלט. דאַן האָט אים דער מלך געהייסן זיצן אויף אַ שיינעם שטול און זאָגן דעם פּתרון.

דער זקן האָט שטאַרק געוויינט און האָט געזאָגט דעם פּתרון: „אַדוני המלך! דער גאָרטן, וואָס דו האָסט געזען, דאָס איז די משפּחה פון דעם הייליקן דוד המלך ע"ה, די ביימער מיט די טייערע פירות, וואָס דו האָסט געזען אין דעם גאָרטן, זיינען זיינע גוטע קינדער און די געטלעכע

כע חכמים. דאָס, וואָס דו ביסט מיט גרויס כעס אויפגעשטאַנען צו פאַרשניידן דעם טייערן גאָרטן מיט די פּירות, איז — וואָס דו האָסט גוזר געווען צו טויטן די בני המלוכה. דאָס, וואָס דו האָסט געהייסן זוכן, אויב עס געפינט זיך נאָך אַ וואָרצל אין גאָרטן, און דו האָסט אַ קליינעם וואָרצל געפונען, דאָס איז אמת. עס איז נאָך איבערגעבליבן פון דוד המלכס משפחה איין טראָגעדיקע פרוי. דו האָסט געזוכט דעם דאָזיקן וואָרצל אויסצורייסן... און דער אַלטער מאַן, וואָס האָט דיך געוואָלט טויטן, דאָס איז דוד המלך אַליין. דאָס, וואָס דו האָסט זיך ביי אים געבעטן, אַז דו וועסט פון היינט אָן זוכן עצות צו ברענגען דעם ווייגאָרטן אויף זיין שטאַנד, דאָס קענסטו באַווייזן דורך דער פרוי, וואָס איז נאָך געבליבן פון דער הייליקער זרע המלוכה".

אויסגעהערט דעם זקן, האָט דער קעניג געענטפערט מיט גרויס פחד:

„דער פּתרון איז אמת, דרום בעט איך דיך, זאָלסט אויסזוכן די דאָזיקע פרוי, אירע קינדער וואָס זי וועט האָבן וועל איך גליקלעך מאַכן, איך וועל זיי אויפציען אין מיינע פּאַלאַצן מיט אַלע פאַרגעניגן".

דער זקן האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און געזאָגט — אַדוני המלך! דאָס האָב איך מיין איינציקע טאָכטער חתונה געמאַכט מיט אַ בחור, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די מלכי בית דוד. די צווייטע וואָך נאָך דער חתונה האָבן דיינע קנעכט אים געטויט מיט דיין באַפעל. מיך האָסטו געהייסן בינדן אין תּפיסה מיט מיינע טייערע גוטע פריינד.

— דו ביסט פריי! — האָט דער קייסער אים געזאָגט און ער האָט אים געגעבן זיין חתימה צו דעם שומר פון תּפיסה, ער זאָל פריי לאָזן אַלע יידן.

מיט גרויס פרייד איז דער זקן געלאָפן צו דעם שר פון דער תפיסה מיט דעם קייזערס חתימה. און פאַר זיינע אויגן האָט מען ארויסגעלאָזן אַלע זיינע חברים.

דאַן איז ער געלאָפן צו זיין הויזגעזינד און האָט גענו־מען זיין טאָכטער און זי געבראַכט צום מלך. דער מלך האָט זיך זייער דערפרייט, האָט גערופן זיין באַדינער און אים געהייסן, ער זאָל צוגרייטן אין קייזערלעכן הויף אַ שיין וווינונג פאַר דער פרוי מיט אירע עלטערן, מע זאָל זיי באַדינען מיט גרויס כבוד. די בעסטע און שענסטע מעדנים זאָל מען זיי געבן צו עסן.

עס איז געקומען די רעכטע צייט, וואָס די אלמנה האָט באַדאַרפט געווינען איר קינד. און זי האָט מיט מזל געוווּנען אַ זון. האָט מען דעם זון אָנגערופן בוסתנאי, דאָס הייסט ווייַנגאָרטן, ווייל דורך דעם ווייַנגאָרטן, וואָס דער קיניג האָט געזען אין חלום, איז זי מיט איר משפחה גליקלעך געוואָרן.

און צו אַלע יידן איז געווען דאַמאָלסט שמחה וששון.

מארק

24. לעגענדעס פון אמאל—(אלעקסאנדער מוקדן און די פּודיען, דער משפּט, דער גריכישער חכם סאלאן) . . .

25. דאס גרויסע הארץ—(מעשהלע) . . . .

26. דאס ווינטעלע—(מעשהלע) . . . .

27. דער קייסער און דער צדיק—(יידישע פאלקסמעשה) .

28. מעשהלאך פון פּראג—(יידישע פאלקסלעגענדעס) . .

29. דער קונדס № 1 — (זאמלונג פון רעטענישן און אויפגאבן) . . . .

30. דער קונדס № 2 — (זאמלונג פון רעטענישן, אויפגאבן, שפּילן, רעבוסן, וויצן, ווערטלאך, גיכווערטלאך א. א.) .

ביבליאטעק פאר עלטערע קינדער:

פון ש. באסטאמסקי

1. פריטיאף נאנסען — זיין רייזע צום צפונדיקן פּאלוס (אילוסטרירט) . . . .

2. דייוויד ליווינגסטאן—זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אפריקע (מיטן בילד פונם רייזנדער) . . . .

3. הענרי סטענלי—זיין לעבן און זיינע רייזעס (אילוסטרירט) .

4. ווי אזוי קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע?—(אילוסטרירט) . . . .

5. אין דער נאכט פון בדיקת חמץ—(יידישע פאלקסמעשה)

6. זאלץ — פּאפּולער-וויסנשאפטלעכע שמועסן מיט קינדער (אילוסטרירט) . . . .

7. ווי אזוי מע מאכט פּאפּיר—(אילוסטרירט) . . . .

8. יאהאן גוטענבערג—דער ערפינדער פון בוכדרוקעריי (אילוסטרירט) . . . .

מארק

ביבליאטעק פאר יינגערע קינדער:

פון ש. באסטאמסקי.

1. יעקעלע נאַר—(א מעשהלע)
2. יודע דער וואַסער־טרעגער און זיינע מעשיות
3. מזל—(א יידישע פאלקסמעשה)
4. צוויי מתנות—(א מעשהלע)
5. א) דער נס, ב) דער צדיק־(2 לעגענדעס)
6. דער בוים און דער ווינט
7. יינגל צינגל — — — — לויט בר. גרים
8. די אמתע כלה — — — „ „ „
9. דריי מענטשעלאך אין וואַלד— „ „ „
10. פישופּמאַכער און זון — — — „ „ „
11. דער העלדישער שניידערל — „ „ „
12. האנס און גרעטכען — — — „ „ „
13. רויט היטעלע — — — — — „ „ „
14. אַ מעשה מיט זיבן ציגעלאך — „ „ „
15. קאַרוזאָ—(דערציילונג פון דעם לעבן פון די איטאליע־נישע קינדער, וואס ארבעטן אין די שאכטעס)
16. גיובער האָפען—(פון דעם לעבן פון די קוילנגרעבער)
17. דער ליגנער—(א מעשהלע).
18. די נאשערקע— „
19. מעשהלאך פון עזאָפ 1־טע העפט
20. „ „ 2־טע „
21. „ „ 3־טע „
22. דער פארשלאָסענער קאסטן—(יידישע פאלקסמעשה)
23. צוויי יתומים—(פאלקסמעשהלע פאר קלענערע קינדער)